# חוקת

א. עס שטייט אין מדרש[1] אויפן פסוק „זאת חוקת התורה": „ארבעה דברים יצה"ר משיב עליהן דכתיב בהן חוקה אשת אח וכלאים ושעיר המשתלח ופרה אדומה"[2], וואס ביי די אלע געפינט מען ענינים וואס זיינען העכער פון שכל — דברים והיפוכם[3].

פון דעם אבער וואס שלמה האט געזאגט[4] „על כל אלה עמדתי ופרשה של פרה אדומה חקרתי ושאלתי ופשפשתי אמרתי[*4] אחכמה והיא רחוקה ממני" — אז נאר די פרשה פון פרה אדומה האט ער ניט געקענט משיג זיין, איז מוכח אז דער עיקר ענין החוקה, וואס איז ניט עפ"י שכל — „חוקה חקקתי גזירה גזרתי", איז ביי פרה אדומה דוקא.

לויט דעם, אז „חוקת" הפרה איז אויסגעטיילט פון די אנדערע חוקים, איז פארשטאנדיק וואס ביי פרה אדומה שטייט „זאת חוקת התורה", וואס דער טייטש כפשוטו איז: „זאת" דאס (און ניט קיין אנדערע) איז די „חוקה" פון דער תורה[5], ד.ה. אז אמיתית ענין החוקה פון תורה, וואס איז (לגמרי) ניט בגדר השגה[6] איז ביי פרה אדומה[7].

ב. עפ"ז דארף מען פארשטיין וואס ער זאגט אין מדרש[8] „אמר לו הקב"ה למשה לך אני מגלה טעם פרה", וואס פון דעם איז דאך מוכח אז אויך חוקת הפרה האט א טעם — און וויבאלד אזוי איז דאך קשה: א) פארוואס האט שלמה, וואס אויף אים שטייט[9] „ויחכם מכל האדם", ניט געקענט דערגיין דעם טעם פון פרה אדומה? ב) פארוואס האט משה רבינו ניט מגלה געווען דעם טעם צו אלע אידן אזוי ווי ער האט עס געטאן מיט „פלפולא" דאורייתא[10], אז דער אויבערשטער האט דאס געגעבן נאר צו משה'ן און פונדעסטוועגן „נהג בה טובת עין" און ער האט דאס געגעבן „לישראל"?

---

1) במדב"ר פרשתנו פי"ט, ה. תנחומא כאן ז.

2) וביומא סז, ב: את חוקותי תשמרו דברים שהשטן משיב עליהן ואלו הן אכילת חזיר ולבישת שעטנז וחליצת יבמה וטהרת מצורע ושעיר המשתלח כו'. וראה השינויים בפרש"י תולדות כו, ה. בשלח טו, כו. אחרי יח, ד.

3) וראה במדב"ר שם (רפי"ט. תנחומא ג) ג"כ ד' דוגמאות בעניני טומאה שנמצאו בהם דבר והיפוכו וא' מהם „העוסקין בפרה מתחלה ועד סוף מטמאין בגדים היא גופה מטהרת בגדים אמר הקב"ה חוקה חקקתי כו'".

4) במדב"ר שם, ג (בסופו). תנחומא ו.

*4) קהלת ז, כג.

5) ראה בארוכה לקו"ש ח"ח (ע' 125) שכ"ה גם ע"ד הפשט.

6) ולא מצד הדבר והיפוכו ש„מטהרת את הטמאים ומטמאה את הטהורים"* שהרי בזה: א) שוה הוא לשאר החוקים שבמדרש שם, ב) ה„יצה"ר משיב",

אלא מצד עצם ענין טהרתו כמובן מהמדרש דלקמן הערה 13 וכדלקמן בפנים ס"ז-ח. וראה לקו"ש שם ע"ד הפשט. אבל ראה אוה"ח כאן ד"ה „אשר צוה" בסופו.

7) הפירוש ב„זאת חוקת התורה" דפ' מטות (לא, כא) — ראה לקו"ש שם ע' 183 ואילך. ועפ"י המבואר לקמן בפנים (ס"ז-ח) החוקה דטהרת פרה אדומה, יובן גם שם.

8) במדב"ר שם, ו. תנחומא ח.

9) מ"א ה, יא. וממשיך שם: „מאיתן האזרחי והימן גו'". ובפרש"י שם (מפסיקתא): הימן זה משה.

10) נדרים לח, א.

---

*) וראה לקו"ש שם הערה 17 שע"ד הפשט מובן הוא גם בשכל.

דאַרף מען זאָגן, אַז מניעת הגילוי איז ניט געווען צוליב דעם וואָס משה האָט עס ניט געוואָלט מגלה זיין (אָדער ווייל דער אויבערשטער האָט עס אים ניט געהייסן)[11], נאָר צוליב דעם וואָס דער טעם פון פרה אדומה איז ניט בגדר השגה און שכל פון אַ נברא[12]; ובמילא איז אויב משה רבינו וואָלט עס מגלה געווען צו אידן, וואָלטן זיי דעם טעם ניט געקענט פאַרשטיין (מקבל זיין), און ווי דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה'ן בנוגע צו טהרת פרה אדומה „חוקה היא וגזירה גזרתי ואין כל בריי׳ יכולה לעמוד על גזירתי"[13].

און דעריבער האָט אויך שלמה בחכמתו ניט געקענט משיג זיין דעם טעם פון פרה אדומה — „היא רחוקה ממני"[12]. און אפילו משה רבינו, וואָס איז געווען „שלימות מין האנושי"[14], האָט עס בכח עצמו ניט געקענט משיג זיין, וואָרום דאָס איז ניט בגדר שכל פון אַ נברא,

נאָר דער אויבערשטער וועלכער איז כל יכול, פאַר אים זיינען ניטאָ קיין שום הגבלות, האָט דער אויבערשטער, מיט זיין כח ויכולת, מגלה געווען צו משה רבינו — „לך אני מגלה טעם פרה", כאָטש אַז אַ נברא מצ"ע קען צו דעם ניט צוקומען[15].

לפי זה שטעלט זיך די שאלה: וויבאַלד אַז משה רבינו האָט משיג געווען דעם טעם פון פרה אדומה ניט בכח עצמו, נאָר דער אויבערשטער האָט עס אים מגלה געווען מיט זיין כח הבלתי מוגבל — האָט דאָך דער אויבערשטער (מיט'ן זעלבן כח) געקענט מגלה זיין דעם טעם אויך צו אַנדערע.

ג. איז דער ביאור אין דעם:

ס'איז ידוע[16] דער פירוש אין „זאת חוקת התורה" (ניט „זאת חוקת הפרה" וכיו"ב, ווי ער זאָגט[17] „זאת חוקת הפסח"), אַז די מצוה פון פרה אדומה איז „התורה", כללות התורה: און וויבאַלד אַז דער ענין איז אויסגעדריקט מיט'ן וואָרט „חוקה", איז מובן אַז דאָס וואָס פרה אדומה איז כללות התורה איז עס מצד דעם ענין החוקה וואָס אין איר; עס איז מדגיש אַז דער ענין החוקה (פון פרה אדומה) איז די נקודה כללית פון כל התורה כולה[18].

דאָס איז סיי בנוגע צו מצוות התורה, סיי בשייכות צו תורה אַליין: מ'האָט שוין פיל מאָל גערעדט[19], אַז אַלע מצות, אויך פון סוג עדות ומשפטים וואָס האָבן אויף זיך אַ טעם שכלי, איז „מהותן" — רצון העליון וואָס איז העכער פאַר חכמה ושכל; נאָר דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז דער רצון פון די מצות זאָל אַראָפּקומען און נתלבש ווערן אין חכמה ושכל — אָבער אויך נאָך דער התלבשות אין אַ טעם שכלי בלייבט דער רצון

11) אבל ראה אוה"ת שם.

12) ראה ד"ה זאת חוקת תרע"ג בסופו. אבל ראה אוה"ת לקהלת ע' רנד. ד"ה יבחר לנו תש"ג פי"א. וראה כלי יקר כאן.

13) קה"ר פ"ח, א (ה). וראה פסיקתא (ופסיקתא דר"כ) פרה.

14) פיה"מ להרמב"ם פ' חלק היסוד השביעי. וראה ר"ה כא, ב.

15) ועפ"ז מובן התיווך בין ב' פירושי המדרש (אם ידע משה טעם פרה). ומתורצת הערת המפרשים בזה.

16) לקו"ת ריש פרשתנו.

17) בא יב, מג. וראה שמו"ר (פי"ט, ב): שניהם דומים זל"ז בזה נאמר כו'.

18) ראה אוה"ת כאן.

19) ראה (כהבא לקמן) בארוכה לקו"ש ח"ד ע' 1056 ואילך ובהנסמן שם. ח"ח ע' 129 ואילך. חי"ג ע' 67.

העליון „במהותו ובפשיטותו״ [20] — העכער פון השגה.

וי״ל אַז אַזוי איז אויך בנוגע צו תורה [21]: אויך די ענינים שבתורה וואָס אַ מענטש פאַרשטייט זיי בשכלו, זיינען זיי אין דער אמת׳ן העכער פון גדר השגה. וואָרום תורה איז דאָך חכמתו של הקב״ה, איז דאָך מובן, אַז „כשם [22] שאין ביכולת שום שכל נברא להשיג בוראו [23] כך אינו יכול להשיג״ חכמתו; און ווי עס שטייט [23*] „נעלמה מעיני כל חי״.

ד. אָט די ידיעה איז נוגע יעדן אידן אין זיין עבודה פון תורה ומצות: דער קיום פון אַלע מצות, אויך פון די וואָס האָבן אַ טעם, דאַרף זיין בדרך קבלת עול, ווייל אַזוי איז געווען דער ציווי פון אויבערשטן [24] — „גזירה גזרתי חוקה חקקתי״ [25] — און ווי ס׳איז דער נוסח פון אַלע ברכות המצות: „וצוונו״.

און אַזוי איז אויך ביי לימוד התורה, און נאָך מער: וויבאַלד אַז תורה איז אין סוף, איז ווי גרויס זיין הבנת התורה זאָל ניט זיין, פעלט אים נאָך אַלץ אין השגת התורה — ובמילא דאַרף ער נאָכמער האָרעווען, אַז דאָס וואָס ס׳איז ביי אים געווען ביז איצט למעלה מהשגה זאָל ער דאָס קענען באַנעמען מיט זיין פאַרשטאַנד, און דער ענין החוקה שבתורה זאָל ביי אים זיין אין העכערע ענינים [26] — ביז ער זאָל צוקומען צו אמיתית החוקה פון תורה אַז זי איז למעלה מגדר השגה.

און דעריבער זאָגט דער פסוק „זאת חוקת התורה״: הגם אַז אין תורה זיינען דאָ ענינים און סוגים וואָס זיינען אַראָפּ־געקומען אין טעם ודעת, כנ״ל, זיינען זיי אָבער אין זייער מהות אַלע העכער פון השגה: תורה (מיט אַלע אירע מצות) איז — „חוקה״.

נאָכמער: זיי זיינען אַלע אַ חוקה באופן פון מצות פרה אדומה, „זאת חוקת התורה״, וואָס איז לגמרי העכער פון גדר חכמה והשגה.

ה. לפ״ז איז מובן, וואָס עכ״פ איין ענין אין תורה האָט געדאַרפט בלייבן אַ „חוקה״ (און דערמיט אָנווייזן אַז אויך אַלע אַנדערע ענינים זיינען אַזוי באמיתתם), למעלה מגדר השגה; און דערפאַר האָט עס דער אויבערשטער ניט מגלה געווען צו אידן [27]:

ווען אַלע ענינים פון תורה וואָלטן נמשך און נתלבש געוואָרן אין השגה פון די נבראים, איז (נוסף אויף דעם וואָס דעמאָלט וואָלט געפעלט אינעם הרגש צו מקיים זיין מצות נאָר מצד דעם רצון העליון, איז) אויב דעמאָלט וואָלט געקומען צו אַ ענין אין תומ״צ וואָס פאַ־דערט מס״נ, וואָלט עס אַ איד ניט געקענט פועל זיין ביי זיך, וויבאַלד אַז אַלע עניני התורה זיינען עפ״י שכל, און אַזוי איז זיין הנהגה (ע״פ תורה) אַלע־מאָל, און דאָס וואָלט אָנגערירט כו״כ פרטים אין קיום התומ״צ, און ניט בלויז ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן מס״נ בפו״מ,

---

20) כי הרצון, גם כשיש עליו טעם, נשאר במהותו ובפשיטותו (ראה ד״ה ואני תפלתי תרצ״ד. ועייג״כ אגה״ק סי״ט (קכח, א)).

21) ראה לקו״ש חי״ז ע׳ 319 ואילך.

22) ראה שער היחוד והאמונה פ״ד. שם פ״ח.

23) ראה רמב״ם הל׳ יסוה״ת פ״א ה״י. פ״ב ה״ח. ובכ״מ.

23*) איוב כח, כא. וראה תניא קו״א סד״ה דוד זמירות.

24) אולי יש ליישב עפ״ז הסתירה במו״נ ח״ג פי״ג לפכ״ה שם.

25) לשון שהובא בכ״מ והוא במדרש תהלים (באבער) ט, ב.

26) ראה לקו״ש ח״ג ע׳ 1014 ואילך.

27) ראה גם ערבי נחל פרשתנו (לבעהמ״ס לבושי שרד שהובא במאמרי הצ״צ).

ווייל ווען א בר שכל דארף טאָן א זאַך ניט עפ״י שכל, איז עס ביי אים אַן ענין פון מס״נ,

ביז אַז ער קען צוקומען צו זיין (כל׳ הרמב״ן [28]) א „נבל ברשות התורה״ ר״ל, וואָרום דערהערנדיק נאָר דעם טעם שכלי אין עניני התורה, אָן דעם למעלה מהשכל, וואָלט ער געקענט געפינען „תורה׳דיקע״ הסברות און טעמים אויף זיינע ניט־גוטע הנהגות.

און אַזוי איז בנוגע ללימוד והשגת התורה: בכדי צוקומען צו דעם „ומצאת״ אין תורה, „מציאה״ וואָס איז דאָך ניט אויסגערעכנט ע״פ שכל, העכער פון זיין השגה, דאַרף זיין „יגעת״ [29] — עמלים בתורה; כל זמן ער באַנוגנט זיך מיט זיין געוויינליכער העמקה און הבנה אין תורה, איז דאָס ניט קיין אמת׳ע „יגיעה״.

דוקא בשעת ער האָרעוועט אין לימוד התורה מער ווי זיין רגילות, ביז אויך — היפך טבע שכלו, דעמאָלט קומט ער צו „ומצאת״, וואָס קומט „בו׳יסח הדעת״ [30], למעלה פון זיין שכל [31] (ע״ד די מעלה פון תלמוד בבלי אויף תלמוד ירושלמי, כמבואר בכ״מ [32]).

דאָס אַלעס איז שייך נאָר ווען אין תורה איז דאָ בגלוי אַן ענין וואָס איז העכער לגמרי פון גדר השכל, וואָס דערפון ווייס א איד אַז בפנימיות איז אַזוי אין אַלע עניני התורה, און וויפל ער זאָל פאַרשטיין, איז פאַראַן אַלץ העכער און העכער אין גדר השגה — און דאָס רופט ביי אים אַרויס די תנועה פון „יגעת״, דעם אַוועקלייג און ביטול פון זיין שכל. ביז ער וועט צוקומען צו דער מדרי׳ פון תורה ווי זי איז בעצם למעלה מגדר השגה — „תכלית הידיעה שלא נדע״ [33].

ו. לפי״ז שטעלט זיך די שאלה לאידך גיסא: וויבאַלד אַז צו משה רבינו האָט דער אויבערשטער מגלה געווען אויך דעם טעם החוקה פון פרה אדומה, איז, לפי הנ״ל, דאַרף דאָך אויסקומען אַז ביי משה רבינו האָט ח״ו געפעלט דער ענין המס״נ ביי קיום המצות און די שלימות היגיעה אין לימוד התורה? —

ובכלל, ווי איז שייך צו זאָגן אַז דורך דעם וואָס דער אויבערשטער האָט עס מגלה געווען צו משה רבינו זאָל זיך ביי משה׳ן פעלן (אַזאַ ענין עיקרי) אין עבודת התומ״צ [34].

וועט מען דאָס פאַרשטיין [35] בהקדים וואָס עס שטייט אין מדרש [36], אַז ווען משה רבינו האָט געהערט וועגן טומאת מת, האָט ער געפרעגט ביי דעם אויבערשטן „אם נטמא זה במה תהא טהרתו, לא השיבו, באותה שעה נתכרכמו פניו של משה״; און אפילו ווען דער אויבערשטער האָט עם נאָכדעם געזאָגט אַז טהרתו איז ע״י „ולקחו לטמא מעפר שריפת החטאת״, האָט ער געפרעגט ביי דעם אויבערשטן „וכי טהרה היא״ [37].

---

28) ר״פ קדושים.

29) מגילה ו, ב.

30) סנהדרין צז, סע״א.

31) ראה אגה״ק ס״ד.

32) שערי אורה ד״ה בכ״ה בכסלו פנ״ד ואילך. המשך תרס״ו ד״ה ויתן לך. ד״ה אמר רבא תש״ח פי״א.

33) ראה בחינות עולם ח״ז פ״ב. עיקרים מ״ב ספ״ל. של״ה קצא, ב.

34) ועד״ז אי״מ בנוגע לכאו״א: שממדרש (במדב״ר יט, ו) „דברים המכוסין מכם בעולם הזה עתידים להיות צופים לעולם הבא כהדין סמיא דצפי״ משמע שלעת״ל יתגלה לכאו״א, ואיך יתכן שיחסר (ועי״ז) אַז ענין עיקרי בישראל?

35) ראה לקו״ש ח״ג ע׳ 1015 באו״א קצת.

36) במדב״ר שם, ד. תנחומא שם ו (בסופו). קה״ר שם.

37) קה״ר שם.

דארף מען פארשטיין:

עס זיינען, דאך פאראן טומאות וואס בכמה פרטים עקריים זיינען זיי הארבער פון טומאת מת, ווי טומאת זב און מצורע[38]; טמא מת טאר זיך ניט געפינען בלויז אין מחנה שכינה, אבער אין מחנה לוי' מעג ער יע זיין[39], דאקעגן א זב דארף מען ארויסשיקן אויך פון מחנה לוי', און נאך הארבער איז א מצורע וואס ווערט ארויסגעשיקט מחוץ לשלש מחנות אויך פון מחנה ישראל; ביי זב און מצורע איז „טומאה יוצאה עליהן מגופן"[40], משא"כ א טמא מת וואס די טומאה קומט פון אנרירן א מת ועוד — טא פארוואס האט משה רבינו דוקא ביי טומאת מת זיך געוואונדערט (ביז „נתכרכמו פניו") ווי אזוי ער קען טהור ווערן, און ניט ביי אנדערע הארבערע טומאות, ובפרט אז זיי זיינען דאך געווען פריער?

ז. דער ביאור בזה[41]:

אלע אנדערע טומאות ביי אידן זיינען פארבונדן מיט א לעבעדיקן גוף פון א אידן, א גוף וואס האט אין זיך א נשמה, און דערפאר איז אפילו ווען דער גוף איז טמא געווארן, וויבאלד אבער עס געפינט זיך אין אים א נשמה וואס איז „חלק אלוקה ממעל ממש"[42] — און דער אויבערשטער איז א כל יכול — קען מען פארשטיין אז דער כח אלקי פון דער נשמה האט מלכתחילה דעם כח צו פועל זיין אויף דער טומאה, אז דער גוף זאל סוכ"ס (דורך טבילה וכו') טהור ווערן מטומאתו.

משא"כ ביי טומאת מת, וואס די טומאה קומט מצד דעם גוף ווייל ער איז ניט חי[43], ער איז אפגעטיילט פון דער נשמה, און דער גוף אליין איז דאך ניט מער ווי עפר מן האדמה — דא איז געווען די שאלה ביי משה'ן: ווי קען קומען די טהרה פון אזא טומאה, ובפרט אז זי נעמט זיך פון דעם וואס עס איז בטל געווארן דער קשר הגוף מיט'ן כח פון אלקות — דער כח הנשמה?

ובפנימיות הענינים:

דער ענין פון טומאה איז ניט קיין טיט וכיו"ב גשמי וואס ער דארף עס אפוואשן[44], דאס איז א רוחניות'דיקער לכלוך ופגם אין דער דביקות פון אידן צו אלקות (דורך תומ"צ), וואס מצד אט דער דביקות צום אויבערשטן ווערן אידן אנגערופן חיים[45], ווי עס שטייט[46] „ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים גו'".

אבער ווען א איד פאלט דורך ר"ל אין א חטא ועון[47], ווערט דורכדעם אפגעשוואכט די דביקות און „חיים" פון אידן און ער ווערט טמא. און אין דעם זיינען דא כו"כ בחי' אינעם גודל הטומאה,

---

38) פסחים סז, א ואילך. רמב"ם הל' ביאת מקדש פ"ג ה"ב ואילך.

39) וגם המת עצמו (פסחים שם. רמב"ם שם ה"ד).

40) בגמרא (שם) אי' זה ב„חומרי דזב מטמא מת", ובחומרי' דמצורע מזב „שכן טעון פריעה ופרימה ואסור בתשמיש" (שם, ב), וברמב"ם חומרי' דזבין „מפני שהן מטמאין המשכב והמושב אפי' מתחת האבן" (שם ה"ג. וראה תוד"ה מאי חומרא — שם סז, סע"א) וחומרי' דמצורע „מפני שהוא מטמא בביאה" (שם ה"ב). אבל בפרש"י שם (סו, סע"ב) הוא כבפנים.

41) ראה גם לקו"ש ח"ח ע' 326.

42) תניא רפ"ב.

43) וצע"ק מספרי זוטא הובא ביל"ש חוקת עה"פ הנוגע במת: נוגע במת טמא ואין מת עצמו טמא. וכבר דשו בו רבים. וראה בארוכה בשיחה שלאח"ז (ע' 239 ואילך).

44) ראה רמב"ם סוף הל' מקוואות.

45) אדר"נ ספל"ד.

46) ואתחנן (ד, ד) הובא באדר"נ שם.

47) ראה תניא ספכ"ד. אגה"ת פ"ד־ו.

וואָס זיינען לפי"ע דער חלישות אין זיין דביקות, אָבער אויך אין פאַל פון אַ האַרבערע טומאה וחלישות, אויב ס'איז נאָר אין אַן אופן וואָס 'ער בלייבט נאָך פאַרבונדן מיט'ן אויבערשטן און תומ"צ, איז מובן אַז ער האָט דעם כח צו ווערן טהור, צו פאַרשטאַרקן זיין דביקות מיט תומ"צ, ביז אין אַ שלימות.

משא"כ ווען אַ איד איז עובר ר"ל אויפן רצון העליון אין אַן אופן אַז ער ווערט אינגאַנצן אָפּגעריסן ח"ו פון דביקות באלקות, פון חיים ברוחניות — וואָס די מיתה רוחנית איז די סיבה צו מיתה גשמית ר"ל [48], און פון דעם ווערט דער ענין פון טומאת מת —

און דערפאַר איז „נתכרכמו פניו של משה": ווי קען זיין די טהרה פון אַ טמא מת, פון אַ טומאה וואָס קומט דורך און פון אַ גוף מת (וואָרום די נשמה עצמה איז דאָך אפילו בשעת החטא היתה באמנה אתו [49]) וועלכער איז געוואָרן אינגאַנצן אָפּגעריסן פון אלקות און תורה ומצות ?

ח. אויף דעם האָט דער אויבערשטער געענטפערט „זאת חוקת התורה". אַז דאָס איז דער כח פון תורה:

אפילו דעמאָלט ווען דער גוף איז אָפּגעריסן פון דער נשמה און תומ"צ [50], וויבאַלד אָבער די נשמה האָט זייענדיק אין (און דורך) דעם גוף געלערנט תורה און מקיים געווען מצות [51], האָט די נשמה ביכולת (זייענדיק אַ נצחית [52]: חלק אלוקה ממעל ממש) מיט'ן כח התורה (וואָס איז אַ נצחית) צו פועל זיין אין דעם גוף [52*] אַ רושם נצחי [53] פון קדושת הנשמה והתורה, אויך אויף שפּעטער ווען דער גוף איז אָפּגעזונדערט פון דער נשמה — ומהאי טעמא קען אויך די טומאה וואָס קומט פון אַ גוף מת, טהור ווערן [54].

[וי"ל אַז דאָס איז איינער פון די טעמים (בפנימיות) דמחז"ל „צדיקים אינן מטמאין" [55], וואָרום די מציאות

---

48) ראה אגה"ת שם. קונט' ומעין מאמר ז.

49) תניא שם.

50) ראה לקו"ש שם, שמטעם זה לא אמר הקב"ה למשה הטהרה מטומאת מת ביחד עם טומאתו כבשאר הטומאות, כי מכיון שיש כאן הפסק ודילוג בין הטומאה והטהרה, בא גם הפסק באמירת דיניהם.

51) להעיר מתניא פל"ד: שזכה להיות אושפיזיכין לגבורה.

52) ראה סנהדרין ר"פ חלק. ובארוכה בהמובא בתשובות וביאורים (קה"ת, תשל"ד) סי' ח'.

52*) ועפ"ז י"ל דזה ש„לא ידח ממנו נדח" (הל' ת"ת פ"ד ס"ג. תניא ספל"ט) — הוא (גם) מצד הגוף. וראה לקמן הערה 58.

53) וראה תשובות וביאורים שם הערה 5, שמפשטות הסוגיא בירושלמי (כלאים פ"ט ה"ג) משמע, דאפילו ירבעם וחבריו גם גופם קם בתחה"מ.

54) ובנוגע לטומאת מת עכו"ם י"ל, שמלכתחילה לא הי' קשה למשה, כיון שהטומאה בישראל באה דוקא מצד קדושתם (תורה, נשמתם) שנסתלקה כמו שהאריך באוה"ח ריש פרשתנו. שו"ע אדה"ז מהדו"ב סי' ד ס"ב.

ומזה מובן במכ"ש בטומאה הבאה משרץ או נבילה שלא שאל משה איך אפ"ל טהרתו.

55) ברמב"ן כאן „וטעם טומאת המת בעטיו של נחש כי הנפטרים בנשיקה לא יטמאו מן הדין והוא שאמרו צדיקים אינן מטמאין" — ראה מדרש משלי פ"ט, ב. תוד"ה מה ב"מ קיד, ב. זח"א קכה, א. קסח, א (ובנצוצי זהר שם). חינוך שבהערה 59. וראה פנ"י ובכלי חמדה כאן. שדי חמד (כמסומן במפתח). שו"ת מנח"א ח"ג סי' סד. אלף המגן למטה אפרים סימן תקפ"א סקי"א (וש"נ). — וראה שו"ת שארית יהודא — לאחי אדה"ז — (הוספות סי"ד סל"ה) שפוסק לאיסור אפילו הוא צד"ג, ומורה ע"ד בנין ציון אדה"ז באופן שיוכלו הכהנים לעמוד בהרחקה וכו'. — ואולי יש לקשר זה ולהסביר ע"פ סברת הספרי זוטא הנ"ל (הערה 43). ואכ"מ.

---

*) אגרות קודש כ"ק אדמו"ר שליט"א ח"א ע' קמא ואילך. המו"ל.

הגוף פון אַ צדיק איז די נשמה אלקית, ווייל „חיי הצדיק אינם חיים בשרים כ"א חיים רוחניים שהם אמונה ויראה ואהבה"[56], און פון דעם באַשטייט דער חיות ומציאות הגוף[57], ובמילא איז מובן, אַז אפילו בשעת די נשמה גייט אַוועק פון גוף בלייבט אַ פעולה נצחית[58] אין גוף[59]].

דאָס איז אָבער אַן ענין פון „חוקה" — העכער פון שכל וטעם[60], וואָרום לויטן שכל (און גדר) הנבראים, קען איין זאַך פועל זיין אויף דער צווייטער, נאָר דאַן ווען זיי האָבן אַ שייכות און אַ קשר צווישן זיך (אָבער ניט ווען עס ווערט נפסק די שייכות און זיי ווערן הפכיים[60*]). און דאָס איז נאָר מצד כח הבורא[61] וואָס איז העכער פון אַלע הגדרות און הגבלות[62].

ט. עפ"ז איז מובן וואָס צו משה רבינו האָט דער אויבערשטער מגלה געווען דעם טעם פרה (און ניט נאָר האָט דורכדעם ביי אים ניט געפעלט ח"ו אין שלימות ביטול ומס"נ בתומ"צ, נאָר אדרבה): מדרי' משה איז בחי' „החכמה"[63], וואָס מצד דעם ביטול פון חכמה איז אין איר שורה א"ס ב"ה, ווי דער אַלטער רבי זאָגט[64] אַז „א"ס ב"ה הוא אחד האמת שהוא לבדו הוא ואין זולתו וזו היא מדרי' החכמה";

נאָכמער, בל' הקבלה[65], „פנימיות אבא[66] הוא פנימיות עתיק ממש", וואָס איינער פון די פירושים בזה איז[67]: המשכות פון אַ העכערע מדרי' צו אַ נידעריקערע זיינען, בדרך כלל, אין אַן אופן פון משפיע ומקבל, און היות אַז עס קומט אין אַן אופן פון ירידה והמשכה איז פאַרשטאַנדיק אַז דאָס איז אַ הארה בלבד (ועד"מ השפעת השכל פון אַ רב צו אַ תלמיד)[68]; משא"כ דער אופן ווי „פנימיות אבא" האָט אין זיך „פנימיות עתיק" — וואָס דאָס מיינט עצמות א"ס — איז ניט אין אַן אופן פון המשכה בדרך משפיע ומקבל, נאָר פנימיות אבא איז פנימיות עתיק, עצמות דערפון.

---

56) ביאור לאגה"ק סי' ז"ך.

57) להעיר מחילוק אופן בירור וזיכוך הגוף דמשה ואלי' — המשך תרס"ו ע' קנח ואילך. שמח תשמח תרנ"ז ע' 102 (סה"מ תרנ"ז ע' רעח) ואילך. ובכ"מ.

58) וראה גם לקו"ש ח"ו ע' 84 ובהנסמן שם, שמצד בחירת הקב"ה בהגוף (תניא פמ"ט. תורת שלום ע' 120) נעשה הגוף מצ"ע ענין נצחי. ודבר משנה הוא (סנה' ר"פ חלק): כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב (נשמות בגופים). וראה לקמן ע' 409 הערה 71.

59) ראה בהנ"ל בחינוך (מצוה רס"ג): לפי שגופם טהור ונקי כו'. ולהעיר מרבינו בחיי (ויחי מט, לג) בזה שיעקב אבינו לא מת כי נפשו של יעקב הי' מרחפת על גופו תמיד כו', עיי"ש. וראה לקו"ש ח"ד ע' 1260 ואילך. חט"ו ע' 427 ואילך (ס"ו, ח).

60) ועפ"ז מובן שאין לזה סתירה ממ"ש החינוך (מצוה שצז) שאין החוקה „מהיותה מטהרת בהגיע אפרה על גוף המטהר כו'".

60*) משא"כ בהענינים דפעולה נמשכת.

61) ועד"ז הוא בחוקה של פרה שהיא נעשית בחוץ, שמכפר על גקה"ט (אגה"ק סכ"ח) דגם ניצוצות שנפלו בגקה"ט, שנכרתו לגמרי מקדושה ונעשים כמו רע, מהפכים לטוב, הטמא נהפך לטהור, מי יתן טהור מטמא לא אחד — יחידו של עולם — ראה בכ"ז לקו"ת פרשתנו נט, ד ואילך.

62) ועפ"ז יומתק הדיוק בזה שלעת"ל כאשר „ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ" תשאר גם בחי' ארץ הלזו שהיתה בה טומאה (ויתרה מזו: מלאה הארץ דעה את ה') — דמכיון שכל העולם נברא בשביל ישראל ובשביל התורה, הרי עי"ז נמשך בה מהנצחיות דישראל ותורה. וראה לקו"ש ח"ו ע' 91, שהכוונה בשביל ישראל ובשביל התורה היא ענינה של הבריאה גופא.

63) ראה לקו"ת מסעי פט, ד. צב, רע"א. ובכ"מ. וראה בארוכה לקו"ש ח"ו (ע' 244 ואילך) מכמה מקומות דמשה הוא בחי' יסו"א.

64) תניא פל"ה בהגהה.

65) ראה בהמובא בלקו"ת נצבים מט, ד. וראה סה"מ הש"ת ע' 49 בהערה.

66) בתו"א בשלח סו, ב לגבי משה.

67) ראה המשך תרס"ו ע' צה ואילך.

68) ראה גם ד"ה תקעו תרצ"ד פ"ב (נדפס בסה"מ ה'תשי"א).

ובמילא איז פאַרשטאַנדיק וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה רבינו „לך אני מגלה טעם פרה" אַז ס'איז צו אים נתגלה געוואָרן פנימיות אבא פנימיות רצון העליון — ענין החוקה[69] — ווייל דאָס איז געווען מדריי' משה, און דער אויבערשטער האָט אים מגלה געווען אמיתית מדריגתו[70].

יו"ד. דאָס איז אויך אַ ביאור וואָס די „חוקה" וואָס איז נתגלה געוואָרן צו משה'ן איז דוקא בשייכות צו טהרה פון טומאת מת:

בשעת די השפעה איז אין אַן אופן פון משפיע ומקבל, איז וויבאַלד עס קומט בדרך ירידה והמשכה, און ס'ווערט נמשך בלויז אַ הארה, דעריבער איז די שייכות זייערע נאָר בעת ההשפעה, ניט שפּעטער, וואָרום דער מקבל איז געבליבן אַ באַזונדער מציאות פון דעם משפיע;

בשעת אָבער ס'איז ניט בדרך ירידה והמשכת הארה, נאָר המשכת העצמות ממש, ווי ביי פנימיות אבא, איז ניט שייך צו זאָגן אַז דער אויפטו איז נאָר בעת ההמשכה און עס בלייבט דערנאָך אַ באַזונדער מציאות פון אַ „מקבל", דאָרט וואו ס'איז דאָ המשכת העצמות, ווערט עס מהות העצמות, פון אלקות.

במילא איז מובן, ווי אַזוי עס קען זיין די טהרה פון טומאת מת, הגם אַז בגלוי איז דער גוף ניט פאַרבונדן מיט'ן כח פון אלקות פון דער נשמה און תומ"צ — ווייל בפנימיות איז דער גוף אַליין אַ מהות פון קדושת (הנשמה ו)האלקות.

אָבער בזמן הזה איז דאָס ניט מאיר בגלוי, ווייל איצט איז די המשכת העצמות ניט אין אַן אופן גלוי, ובמילא איז דאָ אַן אָרט פאַרן ענין פון טומאת מת, און די טהרה זיינע איז אין אַן אופן פון „חוקה".

לעת"ל אָבער, וואָס דעמאָלט וועט זיין המשכת העצמות בגילוי, דער גילוי פון פנימיות עתיק[71], וועט זיך דאַן אָנזען בגלוי אַז די מציאות פון גוף איז דער ענין הנשמה האלקית שבו, ובמילא וועט ניט זיין דער גאַנצער ענין פון טומאת מת[72]. און די חוקת טהרתה וועט דעמאָלט נתגלה ווערן צו יעדן איינעם[73].

יא. עפּי"ז איז פאַרשטאַנדיק אַז דאָס וואָס „לך אני מגלה טעם פרה", איז ניט געווען קיין סיבה אַז דורכדעם זאָל ביי משה רבינו ח"ו פעלן אין שלימות הביטול והמס"נ:

דער טעם פרה וואָס איז נתגלה געוואָרן צו משה'ן איז ניט קיין טעם שכלי[12], וואָס איז נתלבש געוואָרן אין שכל, נאָר ס'איז ביי אים נתגלה געוואָרן בשכלו דער רצון העליון פון עצמות א"ס, ביז אַז דאָס איז געוואָרן זיין (אויך דעם שכל'ס) מציאות.

69) ראה המשך תרס"ו שם (ס"ע צו ואילך), דבחי' רצה"ע שלמעלה מהטעם הוא בחי' פנימיות אבא פנימיות עתיק.

70) ועפ"ז מובן גם מ"ש לך אני מגלה, דפשוטו דמקודם לזה לא ידע (ובפרט ע"פ קה"ר שם), כי מתחילה לא הגיע לבחי' פנימיות אבא פנימיות עתיק (ראה ד"ה אלה הדברים תרע"ג (נעתק בלקו"ש שם ע' 248) שזהו שביקש הראני נא את כבודך), ורק בעת הסתלקותו זכה לשעה"נ (לקו"ת להאריז"ל וס' הליקוטים ואתחנן ג, כו), ראה סה"מ ה'ש"ת שם. ובכ"מ.

71) פע"ח שער הק"ש רפט"ו. לקו"ת שה"ש בסופו (נא, ג), וראה המשך תרס"ו שם.

72) וכמ"ש (ישעי' כה, ח) בלע המות לנצח. ונא' ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ.

73) ראה לעיל הערה 34.

איז דאָך אדרבה: ביי וועמען איז שייך צו זאָגן אַז אים זאָל פעלן אינעם ענין המס"נ — ביי איינעם וואָס זיין מציאות איז אַ באַזונדער זאַך, און ער דאַרף זיך מוסר נפש זיין פאַר אלקות (און האַרע־ווען היפך שכלו אויף צו פאַרשטיין תורה[74]), משא"כ משה רבינו וואָס אלקות איז מציאותו[75], איז דאָך מהותו מס"נ[76].

יב. וי"ל אַז דאָס איז אויך די שייכות[77] פון פ' חוקת צו י"ב י"ג תמוז, דער חג הגאולה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר:

דער בעל השמחה והגאולה איז גע־ווען דורכגענומען מיט דער עבודה פון מס"נ בפועל[78], ובפרט אין דער אַרבעט פון הרבצת התורה אין יענער מדינה (וואו ס'איז געווען דער מאסר), וואו עס האָט זיך געפאָדערט מס"נ בפועל ביי יעדן ענין — פון ענינים כלליים ביז צו דעם קלענסטן פרט — פון תורה ומצות.

און דעריבער איז די גאולה פון דעם מאסר געווען אין אַן אופן, אַז צוזאַמען דערמיט וואָס ס'איז געווען אַ נס גלוי שלמעלה מהטבע, איז דאָס געווען מלובש אין טבע.

דער ביאור אין דעם: אין דעם אויי־בערשטנס הנהגה פון וועלט זיינען דאָ כמה אופנים[79]:

הנהגה טבעית, וואָס נעמט זיך פון שם אלקים[80] (בגימט' הטבע), די מדרי' אין אלקות וואָס איז מלובש אין עולם און מצד איר האָט וועלט אַ תפיסת מקום — בחי' ממכ"ע;

הנהגה נסית, עס ווערט נתבטל הנהגת הטבע, וואָס דאָס קומט פון שם הוי' וואָס איז למעלה מהטבע, די מדרי' אין אלקות וואָס איז העכער פאַר וועלט — בחי' סוכ"ע, און דעריבער ווערט דאָס נתגלה אין אַן אופן פון ביטול הטבע;

ניסים וואָס זיינען מלובש אין טבע, וואָס קומט פון נאָך אַ העכערע מדרי' אין אלקות, וואָס איז העכער סיי פון שם אלקים סיי פון שם הוי'[81], און דעריבער ווערן פון דאָרטן נמשך ניסים וואָס בעצם זיינען זיי העכער פון טבע אָבער זיי זיינען אַנגעטאָן אין לבושי הטבע, ד. ה. אַז דער נס פועל'ט אויך אויף מציאות הטבע, אַז טבע גופא איז מסכים אויפן נס.

ע"ד הנס דפורים וואָס ס'זיינען געווען ניסים מלובשים בדרכי הטבע, ביז אַז הפה שאסר הוא הי' הפה שהתיר[82].

וואָס עד"ז איז דאָך געווען די גאולה פון בעל השמחה והגאולה אַז די זעלבע

---

74) ראה המשך תרס"ו שם דע"י דדייק במילין דחוכמתא בבחי' יגיעה כו' מגיעים לבחי' העלם העצמי דחכמה דפנימיות אבא.

75) וראה שרש מצות התפלה ספט"ו.

76) ועד"ז ביגיעת התורה דטעמי תורה שיתגלה לעת"ל שלא יהיו בבחי' ענין שכלי כ"א מה שיתגלה בכל ענין בחי' התענוג העצמי הפשוט (המשך תרס"ו שם).

77) ראה של"ה חלק תושב"כ ר"פ וישב.

78) ראה לקמן ע' 302 ואילך ע"ד הג' תקופות דימי נשיאותו (תר"פ־תש"י).

79) ראה אוה"ת אחרי ע' תקסד. ועוד. ובאוה"ת בראשית יח, ב ואילך. ד"ה החודש הזה תרס"ו בתחילתו וסופו (ב' אופנים דלקמן — טבע ונס).

80) ראה טושו"ע חאו"ח ס"ה בפי' שם אלקים.

81) תו"א צט, ד ואילך (ועוד) לענין הנס דפורים, אוה"ת שם (מג"א ב'שלו) ובכ"מ. ובאוה"ת אחרי שם, דנסים המלובשים בטבע הם מבחי' שם שד"י.

82) תו"א צד, ב. ושם, שזהו כענין אתהפכא חשוכא לנהורא שיהי' לעת"ל (שלמעלה מאתכפיא). וראה לקו"ש ח"ד (ע' 1065 ואילך) שהנסים לצדיקים שבדור האחרון לפני ביאת משיח הוא הקדמה והכנה להנסים דהגאולה. ולכן הגאולה די"ב־י"ג תמוז הי' ע"ד „אומר לצפון תני", כבהגאולה העתידה.

**מענטשן [83] וואָס האָבן געהייסן אים אָרעסטירן, זיי אַליין האָבן געמוזט הייסן אים באַפרייען [84].**

**וי"ל אַז דאָס איז ע"ד הענין פון „פנימיות אבא פנימיות עתיק": בשעת אַז דאָס איז נמשך געוואָרן אין וועלט מצד דעם מס"נ בפועל [85] פון בעל השמחה והגאולה (וואָס דאָס איז געווען מציאותו), האָט דאָס ניט מבטל געווען טבע העולם, נאָר דאָס גופא איז געוואָרן די מציאות פון טבע, אַז זי האָט מסייע געווען צו קדושה.**

(משיחות ש"פ פרה, תשכ"ח.
ש"פ חו"ב, י"ב תמוז, תשכ"ט)

---

83) ראה לקו"ש שם. ועד"ז בלקו"ש ח"ח ע' 120 ואילך.

84) והיינו אף שהי' מלובש בטבע הי' נראה בחוש שכל הסיבות היו למעלה מהטבע וע"ד אופן הנס דפורים (תו"א צג, ג. ק, א. ועוד).

85) ראה תו"א (צט, ד ואילך) דבפורים ע"י המסנ"פ הגיעו לעצמות אוא"ס שלמעלה מבחי' שם הוי', ומזה נמשכו הנסים המלובשים בטבע. ובהמשך שמח תשמח שם (ע' 101. סה"מ שם ע' רעז). ועוד, שע"י מסנ"פ בפועל מגיעים לעצמות א"ס דפנימיות אבא כו'.

# חוקת ב *

א. וועגן די דינים פון טומאת מת בפרשתנו זאָגט דער ילקוט [1] אויפן פסוק [2] „הנוגע במת לכל נפש אדם וטמא שבעת ימים" — „נוגע במת טמא ואין [3] מת עצמו טמא, נוגע במת טמא ואין [3] בנה של שונמית טמא, אמרו בנה של שונמית כשמת כל שהי' עמו בבית טמא (הי' [4]) טומאת שבעה וכשחי' הי' טהור לקודש חזרו ונגעו בו וטמאוהו [5] הם, הרי זה אומר מטמאיך לא טמאוני ואתה טימאתני" [6].

דאָס וואָס דער ילקוט פאַרבינדט דאָ בכללות דעם ענין פון „ואין בנה של שונמית טמא" מיטן פריערדיקן פרט „ואין מת עצמו טמא", קען מען מפרש זיין בפשטות: היות דער מת עצמו איז ניט טמא, דערפאַר איז אויך דער בן השונמית ניט געוועזן טמא נאָכדעם ווי ער איז צוריק לעבעדיק געוואָרן (כאָטש ער איז פריער געוועזן אַ מת און האָט מטמא געווען).

עס פאָדערט אָבער ביאור דער המשך „נוגע במת טמא ואין בנה של שונמית טמא": פון דעם דיוק הכתוב „הנוגע במת גו' יטמא" לערנט מען אָפּ (ווי די ערשטע ילפותא אין ילקוט) אַז נאָר הנוגע איז טמא אָבער „אין מת עצמו טמא", דאַקעגן ביי דער הוספה־חידוש „בן השונמית" וויבאַלד דאָ רעדט מען דאָך לכאורה נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן אַ חי, האָט דער לימוד בזה געדאַרפט זיין: „נוגע במת טמא ואין בנה של שונמית מטמא", אַז דער נוגע אין „בנה של שונמית" איז ניט טמא, וויבאַלד ער איז ניט קיין מת נאָר אַ חי [7].

אויף דעם וואָס עס שטייט אין ילקוט „ואין מת עצמו טמא" זאָגט דער מג"א [8]: „ונ"מ כשיחיו המתים אין צריכין הזאה" [9]. לפי"ז (אַז אויך אינעם ערשטן פאַל פון „ואין מת עצמו טמא" איז דער לימוד נוגע (בעיקר) ווען „יחיו המתים" [10]) קען מען לערנען אַז אין ביידע פאַלן, „אין מת עצמו טמא" ו„אין בנה של שונמית טמא", רעדט זיך דער זעלבער ענין: מת עצמו איז ניט טמא, דעריבער דאַרף ער ניט קיין הזאה נאָכדעם ווי ער ווערט אַ חי, און אַזוי איז אויך „אין בנה של שונמית טמא .. וכשחי' הי' טהור לקודש".

לפי"ז ווערט אָבער שווער: וואָס איז דער ילקוט מחדש מיט דעם וואָס ער איז מוסיף „אין בנה של שונמית טמא" נאָך דעם לימוד אַז „אין מת עצמו טמא".

ב. ווערט מען דאָס פאַרשטיין ע"פ דעם ביאור בגמרא סוף מס' נדה. די גמרא [11] ברייינגט דאָרט די ברייתא

---

*) וסיום מס' נדה.

1) רמז תשסא. והוא מספרי זוטא עה"פ.

2) יט, יא.

3) בספרי זוטא „אין" (בלא וא"ו). ובמדרש הגדול „אין עצמו של מת טמא".

4) כ"ה בספרי זוטא.

5) בספ"ז: טמאוהו (בלא וא"ו).

6) „פי' אותן הנוגעים בבני אדם שנטמאו בו אומרים מטמאך היינו בן שונמית לא טמאוני וכו'" — זית רענן ליל"ש שם.

7) וראה המשך הדרשות בספרי זוטא ויל"ש שם.

8) זית רענן שם.

9) וממשיך „נדה דף ע' ע"ש בתוספות (וע"פ המבואר לקמן בפנים צ"ע כוונתו) וכו'".

10) אבל כ' עוד נפק"מ „וגם המכניס מת למקדש פטור כו'" ואכ"מ.

11) סט, ב.